ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

נומער 5(49) ✦ תשע״א – 2011 ✦ זעקסטער יאָרגאַנג

ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter

יעפֿים טשאָרני (לינקס) דיריגירט מיטן „קלעזקאַנאַדע קהילה־כאָר“ בײַם סטודענטן־קאָנצערט פֿון „קלעזקאַנאַדע“

„קלעזקאַנאַדע 2011“

איציק גאָטעסמאַן (ניו־יאָרק)

דאָס יאָר, ווען אַלע קולטור־טוערס ציטערן צוליב דעם אומזיכערן מצבֿ פֿון דער עקאָנאָמיע איבער דער וועלט, האָט זיך געיאַוועט אַ געפּאַקטער עולם פֿאַרן וואָך־לאַנגיקן מוזיק־ און קולטור־פֿעסטיוואַל – „קלעזקאַנאַדע“. אין עס־צימער איז אָפֿט געווען שווער צו געפֿינען אַ בענקל ווו זיך אַוועקצוזעצן און כאַפּן אַ ביסן פֿון די „געשמאַקע“ מאכלים (דאָס שרײַב איך שוין מיט איראָניע; איך קען אײַך פֿאַרזיכערן, אַז קיינער קומט ניט אויף „קלעזקאַנאַדע“ צוליב דעם עסן). עס האָט אַוודאי יעדן איינעם הנאה געטאָן צו זען, אַז דער אינטערעס צו „קלעזקאַנאַדע“ וואַקסט, און אַז דאָס 16טע יאָר פֿונעם פֿעס־טיוואַל וועט זיכער ניט זײַן דאָס לעצטע.

צום ערשטן מאָל האָט מען גע־בעטן דעם טרומייטער פֿרענק לאָנדאָן, ער זאָל אָנפֿירן ווי דער קינסטלערישער קאָאָרדינאַטאָר, און אַ דאַנק אים און זײַן קינסטלערישער פֿאַרוואַלטונג, האָט מען פֿאַרבעטן גאָר אינטערעסאַנטע לערערס, לעקטאָרן און מוזיקער.

צו דערציילן וועגן דער ספֿרדי־שער מוזיקאַלישער טראַדיציע האָט מען פֿאַרבעטן דעם מוזיקאָלאָג פּראָפֿ' עדוואַרד סערוסי פֿון ישׂראל. ניט נאָר האָט ער געהאַלטן לעקציעס וועגן דעם נײַעם ישׂראלדיקן זשאַנער „מע־דיטאַריאַנישע מוזיק“, אָבער אויך גע־פֿירט אַ וואַרשטאַט, אין וועלכן ער האָט געלערנט די אָנטיילנעמער אַלטע ספֿרדישע פּיוטים. די לעגענדאַרע ספֿרדישע זינגערין פֿון באָסניע, פֿלאָרי יאַגאָדאַ, שוין אין די הויכע 80 יאָרן, איז געקומען פֿון איר היים אין וואַשינגטאָן. זי זינגט סײַ טראַדיציאָנעלע לידער, וועלכע זי געדענקט פֿון אירע קינדער־יאָרן, סײַ אָריגינעלע לידער אויף דזשודעזמאָ. איר קאָנצערט אינעם גרויסן קאָנצערט־זאַל האָט צוגעצויגן אויך צוהערער פֿון דער שטאָט מאָנטרעאָל, וואָס געפֿינט זיך 80 מײַל פֿונעם „בני־ברית“ זומער־לאַגער, ווו „קלעזקאַנאַדע“ קומט פֿאָר.

נאָך אַ בן־שמונים איז געקומען אויפֿן פֿעסטיוואַל און האָט יעדן באַגײַסטערט מיט זײַן חכמה, פּאָליטישן־אַקטיוויזם און יוגנטלעכקייט – דער זינגער טעאָדאָר ביקעל. ער איז געקומען מיט זײַן גרופּע „סערענדיפּיטי 4“, אַ קוואַרטעט פֿון באַקאַנטע זינגערס און מוזיקער; צווישן זיי, די האָלענדישע זינגערין שורה ליפּאָווסקי, וועלכע הייבט אַרויס די אַנדערשקייטן, ווי אויך די ענלעכקייטן, אין דער מוזיק פֿון פֿעלקער. מיט ביקעל האָט די גרופּע געזונגען לידער אויף ייִדיש, דזשודעזמאָ, באָסניש, העברעיִש און גריכיש. אויף איין לעקציע האָבן זיי גערעדט וועגן זייער פּאָליטישן אַק־טיוויזם, און ווי זיי פֿלעכטן אַרײַן די פּאָליטישע געדאַנקען אין זייער מוזיק־פֿאָרשטעלונגען.

אויף דער טעמע „ייִדישער הומאָר“ האָט מען פֿאַרבעטן אויפֿצוטרעטן עטלעכע מוזיקער און אַקטיאָרן. שיין בייקער, דער אַקטיאָר און דירעקטאָר פֿונעם „ייִדישן קולטור־קאָנגרעס“ אין ניו־יאָרק, האָט אויפֿגעפֿירט זײַן אייג־פערזאָניקע פּיעסע „די גרויסע בוב־קעס: אַ גוייִשער וועגווײַזער צום ייִדישן וואָדעוויל“. די פֿאָרשטעלונג נעמט אַרײַן רעציטאַציעס פֿון ייִדישע לידער, קונצן פֿון כּישוף, און בויך־רע־דערײַ. בייקער האָט, במשך פֿון דער וואָך, אויך געהאַלטן לעקציעס וועגן

(סוף אויף זײַט 7)

ייִדישע מאָזאַיִק

„סאָוועטיש היימלאַנד“ – מיט 50 יאָר צוריק



סוף זומער 1961 האָט זיך געביטן די גאַנצע מאַפּע פֿון דעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט, כאָטש פֿאַרבונדן איז עס געווען נאָר מיט איין נײַער אויסגאַבע – דער מאָסקווער ליטעראַרישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“. דער דאָזיקער זשורנאַל האָט געבראַכט נײַע ווינטן, און אין קורצן אויך שטורעמס, אין דער ייִדישער וועלט.

קודם־כּל, האָבן צענדליקער סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער באַקומען אַ טריבונע פֿאַר זייערע ווערק. זינט די שפּעטע 1940ער יאָרן, ווען די סאָוועטישע רעגירונג האָט ליקווידירט די גאַנצע אינפֿראַ־סטרוקטור פֿון ייִדישן קולטור־לעבן, איז קיין שום מעגלעכקייט ניט פֿאַרבליבן זיך צו דרוקן אויף ייִדיש אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. צווישן די שרײַבער, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די סטאַליניסטישע רעפּרעסיעס, זײַנען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך ניט געשראָקן צו שיקן זייערע ווערק אין אויסלענדישע קאָמוניסטישע צײַטשריפֿטן, דער עיקר, קיין וואַרשע. אָבער ס׳רובֿ שרײַבער האָבן עס ניט געטאָן. אייניקע האָבן אַפֿילו געפּרוּווט צו שרײַבן אויף אַן אַנדער שפּראַך – רוסיש, אוקראַיִניש וכ׳.

צו יענער צײַט האָבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד געוווינט צענדליקער פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישע שרײַבער. די עלטסטע פֿון זיי האָבן אָנגעהויבן זייער שאַפֿערישע טעטיקייט נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער דער גרעסטער טייל שרײַבער זײַנען שאַפֿעריש און אידעאָלאָגיש אויסגעוואַקסן שוין אין די סאָוועטישע צײַטן. עס זײַנען אויך געווען ניט ווייניק דיכטער, פּראָזאַיִקער און ליטעראַטור־קריטיקער, וועלכע זײַנען געוואָרן סאָוועטישע בירגער ערשט אין די יאָרן 1939 און 1940. דעמאָלט זײַנען געוויסע טעריטאָריעס פֿון פּוילן, רומעניע צי די באַלטישע לענדער, ווו זיי האָבן געוווינט, אַרײַנגעפֿאַלן אונטערן סאָוועטישן קאָנטראָל. צום גרינדן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט די רעדאַקציע געהאַט אַ רשימה פֿון אַ מאה מחברים, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופֿן צו שרײַבן פֿאַרן נײַעם זשורנאַל.

די גרינדונג פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז ניט פֿאַרבליבן אומבאַמערקט מצד די אידעאָלאָגישע טוער פֿון דער קאַלטער מלחמה. דער באַשלוס אַליין צו שאַפֿן דעם זשורנאַל איז דאָך געווען אַן אידעאָלאָגישער – צו ווײַזן דער וועלט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג איז ניט געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט. דערצו האָט מען אין די הויכע פֿענצטער פֿון סאַמע אָנהייב אָן פֿאָרויסגעזען ריין־אידעאָלאָגישע פֿונקציעס פֿאַר דעם ייִדישן ליטעראַרישן זשורנאַל. בפֿרט נאָך, אַז אַלע סאָוועטישע צײַטשריפֿטן האָבן תּמיד אויסגעפֿילט אינסטרוקציעס פֿון סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. קיין אומאָפּהענגיקע פּרעסע איז דאָך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ניט געווען.

דאָס אידעאָלאָגישע שליחות פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז געוואָרן

(סוף אויף זײַט 3)

לעקסיקאָן פֿון ייִדישע שרײַבער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד

דעם 10טן אויגוסט האָט דער „אַל־וועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס" (congressforjewishculture.org), צוזאַמען מיטן „ייִוואָ" און דער „פֿאָרווערטס"־רעדאַקציע, אָפּגעמערקט די טרויעריקע דאַטע, דעם 12טן אויגוסט 1952. דעמאָלט זײַנען אין מאָסקווע אומגעבראַכט געוואָרן די פֿירנדיקע טוער פֿון דעם ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. צווישן זיי זײַנען געווען די שרײַבער דוד בערגעלסאָן, דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַרקיש, איציק פֿעפֿער און לייב קוויטקאָ, ווי אויך דער פֿירנדיקער אַקטיאָר פֿון דעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער בנימין זוסקין. אַזוי האָט דער סאָוועטישער רעזשים זיך צערעכנט מיט זיי, געטרײַע סאָוועטישע בירגער, ווײַל זייער טעטיקייט האָט אויסגעזען פֿאַרדעכטיקט אין די אויגן פֿון סטאַלינס פּאַראַנאָיִשע אידעאָלאָגן און פּאָליציאַנטן.

בעת דער הײַיאָריקער הזכּרה, דורכגעפֿירט אין דעם בנין פֿון צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע, איז פּרעזענטירט געוואָרן דער „לעקסיקאָן פֿון ייִדישע שרײַבער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד", צונויפֿגעשטעלט דורך חיים ביידער ז״ל. דאָס איז אַן אוניקאַלער קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע וועגן די מענטשן, וועלכע האָבן געשאַפֿן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַרישע סבֿיבֿה אין די יאָרן 1917–1991.



חיים ביידער (1920–2003), אַ דיכטער און ליטעראַטור־פֿאָרשער, איז אַליין געווען אַ טייל פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער סבֿיבֿה, אויסגעשולט אין אַ ייִדישער לערן־שול און אַ ייִדישן אוניווערסיטעט. אין די 1970ער און 1980ער יאָרן האָט ער געאַרבעט אין דעם מאָסקווער זשורנאַל „סאָוועטיש־היימלאַנד", געווען דער שטעל־פֿאַרטרעטער בײַם הויפּט־רעדאַקטאָר. די לעצטע זיבן יאָר פֿון זײַן לעבן האָט ער געוווינט אין ניו־יאָרק. אין דער צײַטונג „פֿאָרווערטס" האָט חיים ביידער געדרוקט אַרטיקלען אונטער דער רובריק „פּריש אין זכּרון". זײַנע ראַדיאָ־שמועסן זײַנען אַרײַן אין די רעקאָרדירונגען „חיים ביידער דערציילט: ייִדישע שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד" (זען yiddish.forward.com/node/2272 און yiddish.forward.com/node /2273).

„סאָוועטיש היימלאַנד" — מיט 50 יאָר צוריק

(סוף פֿון זײַט 2)

באַזונדערס אָנגעווודיק נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין יאָר 1967. דעמאָלט האָט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט ישׂראל, און די אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דורכגעזאַפּט די סאָוועטישע מעדיאַ. קיין חידוש ניט, אַז דער ייִדישער זשורנאַל האָט געמוזט שפּילן זײַן ראָלע אין דער גרויסער אידעאָלאָגישער שפּיל. וועגן דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער ראָלע דערציילט, למשל, אַ קאַפּיטל אין דעם אַקאַדעמישן באַנד Rebels Against Zion („מורדים קעגן ציון"), וואָס איז נאָר וואָס אַרויס אין וואַרשע אונטער דער רעדאַקציע פֿון אויגוסט גראַבסקי.

די ביטערע, און אָפֿט מאָל מיאוסע, קריטיק פֿון דער ישׂראלדיקער פּאָליטיק האָט אָפּגעסמט די באַציִונגען צווישן „סאָוועטיש היימלאַנד" און טויזנטער ייִדן, סײַ סאָוועטישע סײַ אויסלענדישע. דער רעדאַקטאָר פֿון דעם זשורנאַל, אַהרן ווערגעליס, האָט באַקומען אַ שלעכטן שם. ער האָט מיט זיך פֿאַרקערפּערט די צבֿועקישע סאָוועטישע פּאָליטיק לגבי ישׂראל און ייִדן. בינו־לבינו, איז צוליב אידעאָלאָגישע, ווי אויך דעמאָגראַפֿישע, גורמים געפֿאַלן די צאָל אַבאָנעמענטן. פֿון דעסטוועגן האָט דער זשורנאַל דערלעבט ביזן סוף פֿון דער סאָוועטישער תּקופֿה.

אין די יאָרן 1993–1997 האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" געהאַט אַ מין „נאָך־לעבן", וואָס איז געוואָרן מעגלעך אַ דאַנק דער שטיצע מצד זײַנע געוועזענע אידעאָלאָגישע קעגנער, אַרײַנגערעכנט די „פֿאָרווערטס־אַסאָציאַציע". מע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז קיין אַנדער וועג צו שטיצן די רעשטלעך פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַרישער סבֿיבֿה איז ניט געווען. כּדי צופּאַסן זיך צו דער נײַער רעאַלקייט (און נײַע שטיצער), האָט דער זשורנאַל געביטן זײַן נאָמען אויף „די ייִדישע גאַס". אַהרן ווערגעליס (1918–1999) איז פֿאַרבליבן זײַן רעדאַקטאָר.

ניט געקוקט אויף דער שווערער אידעאָלאָגישער משׂא, וועלכע עס האָט געשלעפּט אויף זיך דער מאָסקווער זשורנאַל, האָט ער ממשותדיק באַרײַכערט די מאָדערנע ייִדישע קולטור מיט נײַע ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער, עסייען, אַקאַדעמישע פֿאָרשונגען, איבערזעצונגען און לערן־מאַטעריאַלן. קיין ערנסטער פֿאָרשער פֿון ייִדישן לעבן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קען זיך ניט באַגיין אָן דעם זשורנאַל.

אַ כּמעט פֿאַרגעסענער בעסטסעלער

אין דער גאַנצער געשיכטע פֿון די רשימות, וועלכע די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס“ שטעלט צונויף פֿאַר בעסט־סעלערס, האָט נאָר איין איבערזעצונג פֿון ייִדיש פֿאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. אַזוי איז עס, לכל־הפּחות, אין דער קאַטעגאָריע פֿון ליטעראַרישע ווערק פֿאַר דערוואַקסענע. די רייד גייט וועגן שלום אַשס ראָמאַן „איסט ריווער“, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1946 – סײַ אויף ייִדיש, סײַ אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. טאַקע די דאָזיקע איבער־זעצונג האָט דערגרייכט דעם „ניו־יאָרק טײַמס“־אָלימפּוס דעם 24סטן נאָוועמ־בער 1946.

אויף ייִדיש האָט דעם ראָמאַן אַרויסגעגעבן דער פֿאַרלעגער אליהו לאַוב. אַ געבוירענער אין פּוילן, איז לאַוב געוואָרן אַ באַקאַנטער סאָציאַ־ליסטישער פֿאַרלעגער אין בערלין. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט לאַוב, צוזאַמען מיט זײַן משפּחה, עמיגרירט קיין בעלגיע און דערנאָך קיין אַמעריקע. זײַן ניו־יאָרקער פֿאַרלאַג פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל דרוקן ייִדישע ביכער.

דער סיפּור־המעשׂה פֿון „איסט ריי־ווער“ איז מײַסטעריש אויפֿגעבויט אַרום אַ פּאָר משפּחות, וואָס וווינען אויף דער 48סטער גאַס אין מאַנהעטן. די גע־שעענישן אַנטוויקלען זיך ניט לאַנג פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. צווישן די תּושבֿים זײַנען דאָ ייִדן און ניט־ייִדן, און די באַציִונגען צווישן זיי געפֿינען זיך אין צענטער פֿון דעם ראָמאַן, וואָס איז אפֿשר דער סאַמע הצלחהדיקער צווישן די צענדליקער גרויסע ווערק פֿון שלום אַש. אַזוי האַלטן, לכל־הפּחות, אַ צאָל ליטעראַטור־קענער, אַרײַנגערעכנט אַזאַ אויטאָריטעט אין הילכות ייִדישע ליטעראַטור ווי דן מירון.

אָבער די הײַנטיקע מאַסן־לייענער איגנאָרירן דעם ראָמאַן. לאָמיר זײַן יושרדיק צו זיי – דאָס איז דאָך, בלי־ספֿק, ניט זייער שולד (צי ניט נאָר זייער שולד). פּשוט, די ייִדישע בילדונג־סיסטעם און די מאַסן־מעדיאַ זאָגן זיי ניט אונטער, אַז אַזאַ בוך איז כּדאַי צו לייענען. שוין אָפּגעשמועסט פֿון דעם וואָס די ענגלישע איבערזעצונגען פֿון ייִדישע ביכער ווערן בכלל זייער ווייניק געלייענט און זייער ווייניק דערמאָנט אין דעם הויפּטשטראָם פֿון הײַנטיקן ייִדישן לעבן.



כאַראַקטעריש, אַז דער ראָמאַן „איסט ריווער“ האָט געהאַט אויפֿגע־רעגט דעם עולם אין האָליוווּד. דעם 28סטן אויגוסט 1946, האָט די „ניו־יאָרק טײַמס“ געשריבן וועגן אונטערהאַנד־לונגען צווישן שלום אַש און דער קינאָ־סטודיע „מעטראָ־גאָלדווין־מייער“ מכּוח די רעכט אויף צו מאַכן אַ פֿילם, באַזירט אויפֿן ראָמאַן „איסט ריווער“. די סומע פֿון דעם קאָנטראַקט האָט מען ניט אַנטפּלעקט, אָבער מע האָט געשריבן, אַז זי האָט געקענט דערגרייכן ביז 225 טויזנט דאָלאַר. דאָס זײַנען געווען זייער גרויסע געלטער מיט 65

יאָר צוריק – בערך אַ פּאָר הונדערט דורכשניטלעכע יערלעכע שׂכירות.

אָבער דער סוף איז געווען, אַז פֿון די אַלע פּלענער איז אַרויס אַ בוידעם, ווען – אָנהייב 1948 – האָט די קינאָ־סטודיע „מעטראָ־גאָלדווין־מייער“ געמאָלדן וועגן איר באַשלוס זיך אָפּצוזאָגן פֿון עקראַניזירן „איסט ריווער“. די סיבה איז געווען אַזאַ: „צו פֿיל“ פֿילמען האָבן זיך דעמאָלט שוין באַוויזן אויף דער טעמע פֿון אַנטיסעמיטיזם, און קודם־כּל, אַלי קאַזאַנס פֿילם „דזשענטלמע־נישע צונויפֿגערעדקייט“ (**Gentlemen's Agreement**), וואָס האָט אין יענעם יאָר באַקומען דרײַ „אָסקאַרס“ און נאָך פֿינף נאָמינאַציעס. ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דעם באַשלוס, האָט דער ראָמאַן „איסט ריווער“ ניט געהאַט דאָס מזל צו באַקומען אַ קינאָ־נוסח. אַנדערש וואָלט ער, אפֿשר, ניט געבליבן ליגן פֿאַרשאָטן מיט שטויב אויף אַלטע ביכער־פּאָליצעס. צוריק גערעדט, ווער געדענקט איצט (אַ חוץ אַ געציילטע יחידי־סגולה) יוסף אָפּאַטאָשוס „ראָמאַן פֿון אַ פֿערד־גנבֿ“, כאָטש ער איז יאָ „האָליוווּדיזירט“ געוואָרן אין 1971?

פֿאַר קלײן און גרױס

ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

אָרעמאַנסקע גליקן

אַמאָל זײַנען געװען צװײ ברידער: אײנער אָן אָרעמער און דער אַנדערער אַ רײַכער. האָט דער אָרעמער ברודער געדרײט זיך לעבן דעם רײַכן ברודער און אָפּגעלעקט בײַ אים אַ ביינדל, אַז ס׳איז נאָך געבליבן פֿאַר זײַן װײַב און קינדער. געגאַנגען, װוּ מ׳האָט אים געשיקט און געטאָן, װאָס מ׳האָט אים געהייסן.

אײן מאָל איז ער געשטאַנען בײַם טויער און אָפּגעהיט, אַז אַ פֿרעמדער זאָל צו זײַן ברודער ניט אַרײַנגײן. זעט ער, װי עס קומט צו אַ קלײן מענטשעלע מיט אַ גאָלדן קאַפּעליושל אױפֿן קאָפּ און טראָגט אױף דער פּלײצע אַ זעקעלע. שטעלט אים דער אָרעמער ברודער אָפּ און פֿרעגט:

– װער ביסטו?

ענטפֿערט דאָס מענטשעלע:

– איך בין דײַן ברודערס מזל.

– װאָס זשע טראָגסטו אין דײַן זעקעלע?

ענטפֿערט דאָס מענטשעלע:

– גאָלדענע גליקן.

דערהערט אַזאַ זאַך, פֿרעגט דער אָרעמאַן בײַם קלײנעם מענטשעלע:

– אפֿשר װײסטו, װוּ מײַנע גליקן זײַנען?

– אַװדאי, װײס איך! נאָר ס׳װעט דיר גאָר ניט אַרױסקומען דערפֿון, אַז כ׳װעל דיר עס זאָגן.

הײבט אָן דער אָרעמער ברודער בעטן: „װאָס אַרט עס דיך, קלײן מענטשעלע, גיב מיר אַ געלעגנהײט... אַנדערש װעל איך דיך צו מײַן ברודער ניט אַרײַנלאָזן!“ ער האָט אַזױ לאַנג געבעטן און געסטראַשעט, ביז דעם קלײנעם מענטשעלע איז עס נימאס געװאָרן און ער האָט נאָכגעגעבן.

– גוט, זאָלסט אָבער װיסן, אַז דײַנע גליקן ליגן ערגעץ אין אַ װײַט פֿעלד, פֿאַרװיסט און פֿאַרװאַקסן. ס׳איז שװער אַהין צוצוקומען.

דעם אָרעמאַן האָט עס סײַ־װי ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט װײַטער געבעטן און געװײנט, אַז דאָס מענטשעלע זאָל אים פּינקטלעך זאָגן, װוּ דער װעג ליגט צו זײַנע פֿאַרװאָרפֿענע גליקן.

– גוט. כ׳װעל דיר זאָגן. זאָלסטו גײן גלײַך, גלײַך און װײַט, װײַט. בײַם סוף װעסטו זען אַ גרױסן, גרױסן בױם. בלײַב שטײן און זאָג: „בױם, בױם, ברענג מיך צו מײַן טרױם!“ װעט פֿונעם אױסהױל אַרױסקומען אַ קלײן מענטשעלע מיט אַ זילבערנעם קאַפּעליושל אױפֿן קאָפּ. דאָס איז מײַן ברודער. ער װעט דיר זאָגן װאָס צו טאָן װײַטער.

דער אָרעמער ברודער האָט זיך דערפֿרײט און זיך באַלד געלאָזט אין װעג אַרײַן. ער איז געגאַנגען גלײַך,

גלײַך און װײַט, װײַט. בײַם סוף איז ער געבליבן שטײן בײַ אַ גרױסן בױם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער קײנעם ניט געזען. שױן זשע האָט אים דאָס קלײנע מענטשעלע אָפּגענאַרט. פּלוצעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מע דאַרף זאָגן די פּאַסיקע װערטער. האָט ער זײ געזאָגט: „בױם, בױם, ברענג מיך צו מײַן טרױם!“

װי נאָר ער האָט די װערטער געזאָגט, איז פֿונעם שװאַרצן אױסהױל אַרױסגעקומען אַ קלײן מענטשעלע, װי צװײ טראָפּנס װאַסער ענלעך צום ערשטן מענטשעלע, נאָר מיט אַ זילבערנעם קאַפּעליושל אױפֿן קאָפּ.

– װאָס ביסטו געקומען? – האָט געפֿרעגט דאָס קלײנע מענטשעלע.

– דײַן ברודער האָט מיר געזאָגט, אַז דו װײסט דעם װעג צו מײַנע גליקן.

– אמת, זאָלסטו אָבער װיסן, אַז דײַנע גליקן ליגן ערגעץ אין אַ װײַט פֿעלד, פֿאַרװיסט און פֿאַרװאַקסן. ס׳איז שװער אַהין צוצוקומען.

– כ׳װײס, אָבער דאָס װעט מיך סײַ־װי ניט אָפּשטעלן.

– גוט. זאָלסטו גײן גלײַך, גלײַך און װײַט, װײַט. בײַם סוף װעסטו זען אַ טיפֿן, טיפֿן ברונעם. װאַרף אַהין אַרײַן אַ שטײנדל און זאָג: „ברונעם, ברונעם, װײַז דײַן פּנים!“ װעט פֿון דאָרט אַרױסקריכן אַ קלײן מענטשעלע מיט אַ מעשענעם קאַפּעליושל אױפֿן קאָפּ. דאָס איז מײַן ברודער. ער װעט דיר זאָגן װאָס צו טאָן װײַטער.

דער אָרעמער ברודער האָט זיך דערפֿרײט און זיך באַלד געלאָזט אין װעג אַרײַן. ער איז געגאַנגען גלײַך, גלײַך און װײַט, װײַט. בײַם סוף איז ער געבליבן שטײן בײַ אַ טיפֿן, טיפֿן ברונעם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער קײנעם ניט געזען. שױן זשע האָט אים דאָס קלײנע מענטשעלע מיטן זילבערנעם קאַפּעליושל אָפּגענאַרט. פּלוצעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מע דאַרף זאָגן די פּאַסיקע װערטער: האָט ער זײ געזאָגט: „ברונעם, ברונעם, װײַז דײַן פּנים!“

(סוף אױף זײַט 6)

אָרעמאַנסקע גליקן

(סוף פֿון זייט 5)

און ווידער איז געשען אַזוי, אַז ווי נאָר ער האָט די ווערטער געזאָגט, איז פֿונעם שוואַרצן ברונעם אַרויסגעקומען אַ קליין מענטשעלע, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו די ערשטע צוויי מענטשעלעך, נאָר מיט אַ מעשענעם קאַפּעליושל אויפֿן קאָפּ.

– וואָס ביסטו געקומען? – האָט געפֿרעגט דאָס קליינע מענטשעלע.

– דײַן ברודער האָט מיר געזאָגט, אַז דו ווייסט דעם וועג צו מײַנע גליקן.

– אמת, זאָלסטו אָבער וויסן, אַז דײַנע גליקן ליגן ערגעץ אין אַ ווײַט פֿעלד, פֿאַרוויסט און פֿאַרוואַקסן. ס'איז שווער אַהין צוצוקומען.

– עס מאַכט ניט אויס, ווײַז מיר דעם וועג!

– גוט. גיי גלײַך, גלײַך און ווײַט, ווײַט. בײַם סוף וועסטו זען אַ ברייט פֿאַרוואַקסן פֿעלד. דאָרטן וועלן ליגן אַ סך קליינע מענטשעלעך און שלאָפֿן. זאָלסטו זיי ניט וועקן. געפֿין נאָר איין מענטשעלע מיט אַ שמאַטענעם קאַפּעליושל אויפֿן קאָפּ. גיי שטילערהייט צו אים צו און וועק אים אויף. ווײַטער וועסטו שוין אַליין פֿאַרשטיין, וואָס מע דאַרף טאָן.

דער אָרעמער ברודער האָט זיך דערפֿרייט און זיך באַלד געלאָזט אין וועג אַרײַן. ער איז געגאַנגען גלײַך, גלײַך און ווײַט, ווײַט. בײַם סוף איז ער געבליבן שטיין בײַ אַ ברייט פֿאַרוואַקסן

פֿעלד. אויפֿן פֿעלד זײַנען געלעגן אַ סך קליינע מענטשעלעך און געשלאָפֿן. זיי האָבן אַזוי שטאַרק געכראָפּעט, אַז פֿון זייערע אויערן איז געגאַנגען אַ רויך.

דער אָרעמער ברודער האָט לאַנג געזוכט מיט די אויגן דאָס קליינע מענטשעלע מיט אַ שמאַטענעם קאַ־פּעליושל אויפֿן קאָפּ, ווײַל אַלע זײַנען זיי געווען ענלעך איינער אויפֿן אַנדערן, און אַלע אין איינעם – אויף יענע דרײַ ברידער. סוף־כּל־סוף, האָט דער אָרעמער ברודער באַשלאָסן בײַ זיך, אַז ער וועט צוגיין צו דעם מענטשעלע וואָס ליגט אין סאַמע עק פֿעלד און כראָפּעט העכער פֿון אַלע אַנדערע. שטילערהייט, חלילה, ניט אויפֿצוּוועקן קיינעם ניט, איז ער צוגעקומען צו דעם מענטשעלע וואָס ער האָט געדאַרפֿט און אים אָנגעהויבן וועקן: „גענוג שוין פּאָפּן*! ווײַז מיר, ווו מײַנע גליקן נעכטיקן און טאָגן!" אַזוי האָט ער אויסגעשריִען דרײַ מאָל, ביז דאָס קליינע מענטשעלע האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן און אַ גענעץ געטאָן.

– זאָג, טײַערער, שלאָף ניט! מײַן ווײַב און קינדער זײַנען הונגעריק! זיי וואַרטן אויף מיר, כ'זאָל שוין קומען צוריק מיט מײַנע גליקן!

האָט דאָס קליינע מענטשעלע מיט דעם שמאַטענעם קאַפּעליושל אויפֿן קאָפּ זיך אַ קראַץ געטאָן דעם נאַקן און אַרויסגעשלעפּט פֿון זײַן בוזעם אַן איי.

– וואָס זאָל איך מיט דעם איי טאָן? – האָט געפֿרעגט, אַ פֿאַרחידושטער, דער אָרעמער ברודער.

ווי אַן ענטפֿער, האָט דאָס קליינע מענטשעלע זיך אויס־געדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און ווײַטער געכראָפּעט. אַרײַנגעלייגט דאָס איי אין אַ קעשענע, האָט דער אָרעמער ברודער פֿאַרלאָזט דאָס פֿעלד. געקומען אַהיים

איז ער שפּעט בײַ נאַכט, ווען אַלע אין שטוב האָבן שוין געזען דעם דריטן חלום – אַ בייזער, ווי די צוויי פֿריִער־דיקע חלומות. דער אָרעמער מאַן האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, ווי עס בור־טשעט אין די ליידיקע בײַכער פֿון זײַן ווײַב און קינדער, אַוועקגעלייגט דאָס איי אויף דער פּאָליצע איבער דעם אויוון, און אַ מידער זיך געלייגט שלאָפֿן.

פֿאַרטאָג האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ לאַנג פֿאַרגעסענעם גערוך. זײַן באַלעבאָסטע האָט באַלעבאַטעוועט בײַ דעם אויוון. אַזאַ פֿרייִלעכע האָט דער אָרעמער ברודער שוין לאַנג זי ניט געזען.

– וואָס איז אַזוי די שׂימחה גרויס? – האָט ער געפֿרעגט זײַן ווײַב.

– דו וועסט ניט גלייבן, – האָט זי אים געענטפֿערט. – איך שטיי הײַנט אויף און זע אויף דער פּאָליצע ליגט אַן איי. האָב איך שוין געהאַט וואָס צו געבן די קינדער עסן.

– מיט איין איי אַ גאַנצע כאַפּטע קינדער אָנגעאַדעוועט? – האָט דער אָרעמער ברודער געפֿרעגט.

– שטעל זיך פֿאָר!.. און ס'איז נאָך געבליבן אַ האַלבע סקאָוואָראָדע! אַ גליק האָט אונדז געטראָפֿן!

---

* פּאָפּן – שלאָפֿן

וויצן



פֿון דעם בוך "פֿריילעכקייטן" (1944), צונויפֿגעשטעלט דורך דעם ניו־יאָרקער ייִדישן שרײַבער און זשורנאַליסט לאַזאַרוס מאָנפֿריד (1885—1955)

אַ גרויסע ייִדישע שׂימחה

אין אַ פּויליש שטעטל האָט מען געפֿונען אַ געהרגעטע פֿרוי אַרום פּורים צײַט. די אַנטיסעמיטישע העצער האָבן גלײַך געמאַכט דערפֿון אַ בלוט־בילבול און פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ייִדן האָבן זי געהרגעט צו האָבן בלוט אויף פּסח. די ייִדן האָבן זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם און זײַנען אַרומגעגאַנגען אין גרויס שרעק.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, שבת בײַם דאַוונען, איז דער שמשׂ אַרויפֿגעקומען אויף דער בימה, געגעבן אַ פּאַטש אין שולחן, און פֿריילעך אַרויסגערופֿן:

„רבותי, איך האָב אײַך אָנצוזאָגן אַ גוטע בשׂורה: מע האָט אויסגעפֿונען, אַז די געהרגעטע פֿרוי איז, גאָט צו דאַנקען, געווען אַ ייִדישע."

אַ שרײַבער גיט זיך אַן עצה

אַן אַמאַטאָרישער ייִדישער מחבר האָט זיך געזעצט שרײַבן אַ בריוו צו אַ רעדאַקטאָר, ווו ער לאָזט אים וויסן, אַז ער שיקט אים צוויי אַרטיקלען צום דרוקן. איז ער אָבער ניט געווען זיכער, צי מע דאַרף שרײַבן „אַרטיקלען", „אַרטיקלעך", אָדער „אַרטיקלס". האָט ער באַשלאָסן אַזוי צו שרײַבן:

„איך שיק אײַך דאָ אַן אַרקטיל צו דרוקן און צוזאַמען מיט דעם אַרטיקל שיק איך אײַך נאָך אַן אַרטיקל."

וואָס איין וואָרט קען אויפֿטאָן

אין אַ בריוו צו אַן אַלטן פֿרײַנד האָט איינער געשריבן, אַז איבער אַ געוויסן וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט זײַן ווײַב, האָט זי זיך פֿאַרברוגזט און רעדט ניט צו אים שוין אַ פּאָר חדשים.

אויף דעם אַנדערן טאָג האָט ער פֿון זײַן פֿרײַנד געקראָגן אַ טעלעגראַפֿישן ענטפֿער, וואָס האָט זיך אַזוי געלייענט:

„האָב רחמנות, לאָז מיר גלײַך וויסן וואָס דאָס איז פֿאַר אַ וואָרט".

ווען מע זיצט אומשולדיק

אַ מאַן איז אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין טורמע, און ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געפֿונען זײַן ווײַב זיצן שיבֿעה נאָך אַ קינד, וואָס איז איר געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע חדשים צוריק. די מעשׂה האָט אים שטאַרק געערגערט, אָבער ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט זיך אויך געזעצט שיבֿעה.

ווען די פֿרײַנד זײַנען אים געקומען מנחם־אָבֿל זײַן און טרייסטן אין זײַן שיבֿעה זיצן, זאָגט ער צו זיי:

„איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת. איך בין שוין אין מײַן לעבן געזעסן, הערט איר, פֿאַר פֿאַרשיידענע זאַכן. אַ מאָל שולדיק, אַ מאָל אומשולדיק. אָבער אַזוי אומשולדיק ווי איך זיץ דאָ איצט, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל."

„קלעזקאַנאַדע 2011"

(סוף פֿון ערשטער זײַט)

זײַן בינע־קונסט און דערציילט וועגן זײַנע פֿרײַנדשאַפֿטן מיט די „גראַן־דאַמען" פֿונעם ייִדישן טעאַטער. ער האָט געשפּילט אַ ראָלע אינעם טעאַטער־וואַרשטאַט פֿון דזשעני ראָמיין, מכּוח וועלכן ס'איז כּדאַי צו רעדן באַזונדער.

די אַוואַנגאַרדישע רעזשיסאָרין און טעאַטראַל, דזשעני ראָמיין, האָט געוואָלט דורך טעאַטער באַרירן די טעמעס פֿון ייִדישן הומאָר און מוסר. צוזאַמענצובינדן די צוויי גאָר היפּוכדיקע געדאַנקען, האָט זי גענוצט ווי אַ סימבאָל די הון. בײַ אונדז, ייִדן, שלאָגט מען מיט הינער כּפּרות (דאָס איז דער מוסר־מאָטיוו), אָבער מע דערציילט אויך אַ סך וויצן מיט, אָדער וועגן, הינער. דעם פֿרילינג, ווען איך האָב דערציילט ראָמיינען וועגן דער ייִוואָ־פֿאָרשערין נחמה עפּשטיין און איר אַרבעט צו קלאַסיפֿיצירן די ייִדישע וויצן וואָס די „ייִוואָ־עטנאָגראַפֿישע־קאָמיסיע" האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אין ווילנע, האָט זי באַשלאָסן, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט דאַרף מען אויך אַרײַננעמען אין דער פֿאָרשטעלונג. האָט זי געבויט, כּמעט אײנע אַליין, אַ „נחמה עפּשטיין־הינער־פּאַרק", אַ מין קאַרנאַוואַל מיט פֿינף בודקעס. בײַ יעדער בודקע האָבן די אַקטיאָרן דערציילט וויצן, אָדער געבעטן דעם עולם צו דערציילן וויצן, אָדער וועגן מוסר און הינער. גרופּעס פֿון צען צוקוקערס זײַנען געגאַנגען פֿון בודקע צו בודקע.

שבת־צו־נאַכטס האָט די טרופּע אַקטיאָרן פֿאָרגעשטעלט אַ קורצע דראַמע – „דער אמת שיין באַקליידט", אַן אויסדרוק וואָס דער דובנער מגיד האָט גענוצט צו באַשרײַבן זײַנע משלים. דער הויפּט־העלד אינעם ספּעקטאַקל איז געווען אַ ריזיקע מאָנסטער־הון, וואָס האָט יעדן איבערגעשראָקן. דזשעני ראָמיינס שאַפֿערישקייט האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ רושם, ווי אויך איבערגעלאָזט גענוג געדאַנקען צו פֿאַרדייען.

וואָס שייך ייִדישן הומאָר, האָט מען אויך פֿאַרבעטן צום ערשטן מאָל פּראָפֿ' דזשעק קוגלמאַס, אַ מבֿין אין דעם אַמעריקאַנער ייִדישן הומאָר, ווי אויך „קלעזקאַנאַדע"־וועטעראַנען מײַקל וועקס און פּראָפֿ' יודזשין אָרענשטיין. ד"ר אָרענשטיין האָט אויך געהאַלטן אַ לעקציע אויף ייִדיש וועגן דער קאַנאַדער ייִדישער שרײַבערין חוה ראָזענפֿאַרב ע"ה. דער פּיאַניסט פּיט סאָקאָלאָוו איז אויפֿגעטראָטן אין אַ קאָנצערט פֿון קאָמישע לידער אויף „ייִנגליש" – חצי ענגליש, חצי ייִדיש.

דער פֿולער טעקסט:

„פֿאָרווערטס", סעפּטעמבער 2–8, ז' 10